№ 3 (דריטער יאָרגאַנג) פּרייז 10 גראָשן

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
BIALER WOCHENBLAT

ביאַלער וואָכנבלאַט

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:
מאָנאַטלעך . . . . . 35 גראָש
פערטל-יערלעך . . . . . 1.00 זל.
אין אויסלאַנד:
פערטל-יערלעך . . . . . 1 דאָלאַר
אַנאָנסן-פּרייז:
פאַר אַ פּעטיט-שורה אין טעקסט . 40 גראָשן
״ ״ ״ פאָרן טעקסט . 20 ״
״ ״ ״ נאָכן טעקסט . 15 ״
פאַרן אינהאַלט פון די אַנאָנסן איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך.
די צייטונג טראָגט נישט קיין געזעלשאַפטס-כאַראַקטער און איז נישט אויסגערעכנט אויף פאַרדינסט.
אַדרעס פאַר בריוו און געלט-זענדונגען:
Red. „BIALER WOCHENBLAT",
Biała-Podl., Grabanowska 35.
Skrz. poczt. 26.
Konto rozrach. № 3.

Biała-Podlaska, dnia 17 stycznia 1936 r.
ביאַלע-פּאָדל., פרייטאָג פ' שמות תרצ"ו, 17 יאַנואַר.

אינזש. ט. קאָוואַלעווסקי
דירעקטאָר פון דער שטאָט-עלעקטראָווניע אין ביאַלע-פּאָדל.

די אַנטוויקלונג פון דער שטאָט-עלעקטראָווניע אין ביאַלע.

די עלעקטראָווניע אין ביאַלע-פּאָדל. איז אַנטשטאַנען אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פאַר צוועקן פון מיליטערישער נאַטור, ד. ה. פאַרן באַלייכטן ביוראָס און אַמטן, קאַסאַרן און ענלעכע מיליטערישע איינריכטונגען. די נעץ, וועלכע די אָקופּאַנטן האָבן איינגעפירט, איז געווען אַן אייזערנע, איינגעריכטעט פּראָוויזאָריש און אויף שנעל, — אין ריכטונגען, וועלכע האָבן נישט געצילט צו ליפערן עלעקטריע די שטאָט-איינוווינער.

די עלעקטראָווניע — אייגנטלעך דריי עלעקטראָווניעס — איז באַשטאַנען פון אַלטע עלעקטרישע מאַשינען, צונעריבענע אין בעלגיע און פראַנקרייך, באַוועגטע דורך אַלטע אָפּגענוצטע פּאַרע-לאָקאָמאָבילן.

די דאָזיקע עלעקטראָווניעס זענען דורך דער שטאָט מאַכט איבערגענומען געוואָרן און יאָר 1918.

סאיז פאַרשטענדלעך, אַז פאַרן נוצן פון דער שטאָט, האָט מען געדאַרפט די מאַשינען צוזאַמענפירן אין איין געביידע און אויך איבערבויען די דראָט-נעץ.

די איבערבויאונג פון דער עלעקטראָווניע איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1924, ווען מהאָט די איינריכטונגען אַריינגעשטעלט אין דער נייער געביידע אויף נאַרוטאָוויטש-גאַס 3.

עס זענען דאָ געבליבן די זעלבע איינריכטונגען וואָס אַ מאָל, ד.ה. אַלטע לאָקאָמאָבילן און אַ גאַנצע רייע קליינע מאַשינען פון סטאַבילן שטראָם. צוליב דעם אָבער, וואָס די באַלאַסטונג איז געוואַקסן, האָט מען אין יאָר 1927 אינסטאַלירט אַ דיזל-קראַפט מאָטאָר פון 180 פערד-קראַפט, וועלכער איז ליידער צוליב אַ פאַבריק-דעפעקט אינגאַנצן קאַליע געוואָרן. די פירמע אַלס ליפעראַנט פון מאָטאָר, האָט אַנשטאָט דעם קאַליע-געוואָרענעם, אַריינגעשטעלט אַ פרישן פון 240 פ.-ק., וועלכער אַרבעט נאָך ביז היינט גאַנץ באַפרידיקנדיק.

פון יאָר 1930 דאַטירט די שטאָט-עלעקטראָווניעס איר שנעלן אַנטוויקלונגס טעמפּאָ. אין יאָר 1930 האָט די פּראָדוקציע אָנגעטראָפן קוים 127.000 קילאָוואַט, די שטאָט איז געווען באַלויכטן דורך 112 גאַסן-לאָמפּן, אַבאָנענטן זענען אומגעפער 600, די שטראָם-ליפערונג האָט געדויערט פון אָוונט ביז פרימאָרגן.

אין יאָר 1931 איז געשלאָסן געוואָרן אַ קאָנטראַקט מיט דער אַעראָפּלאַן-פאַבריק אויף צו ליפערן שטראָם פאַר פאַבריקאַציע צוועקן, מהאָט אַריינגעשטעלט נאָך איין קראַפט-מאָטאָר פון 120 פ.-ק., מהאָט אינסטאַלירט אַ צעטיילונגס-טאָפל אויף 3.000 וואָלט.

פון 17-טן יולי 1931 דויערט די ליפערונג פון עלעקטרי-ענערגיע אָן אונטערברעכן אַגאַנצן מעת-לעת. גלייכצייטיק מיטן וווּקס פון דער פּראָדוקציע און מיטן וווּקס פון דער צאָל אַבאָנענטן פאַלט דער פּרייז פאַרן שטראָם, וועלכער גייט איבער פון 1.25 גר. פאַר אַ קילאָוואַט ביז 80 גר. און נידעריקער, ווייל מהאָט אָנגעווענדעט אַ בלאָק-טאַריף, וועלכע דערלויבט אויך מיטל-מעסיקע פּרייזן.

די אַנטוויקלונג פון דער עלעקטראָווניע און דער וווּקס פון דער קאָנסומציע האָט פאַראורזאַכט, אַז די פאַראַנענע איינריכטונגען זענען געוואָרן נישט גענוגנד און סהאָט זיך אַרויסגעוויזן די נויטווענדיקייט פון אינוועסטירן נייע מאַשינען. בדאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פּראָדוקציע אין יאָר 1934 האָט אָנגעטראָפן 506.000 קילאָוואַט, ד.ה. זי איז געווען 4 מאָל גרעסער ווי אין יאָר 1930 די צאָל אַבאָנענטן איז געשטיגן פון 600 ביז 1.500 און גאַס לאָמפּן איז געווען 200.

אין יאָר 1335 האָט די שטאָט-פאַרוואַלטונג מיטן ה' בירגערמייסטער אָל. וואַלאָווסקי אין דער שפּיץ, זוכנדיק וועגן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער עלעקטראָווניע, באַטראַכט אייניקע מעגלעכקייטן, פאָרגעשטעלטע דורכן דירעקטאָר פון דער עלעקטראָווניע, כדי צו דערפילן די טעכנישע פאָדערונג. מהאָט באַטראַכט די עווענטואַליטעטס פון אָט וואָס:

1) פון צושטעלן אַ נייע דיזל-גרופּע מיט קראַפט ביי אומגעפער 500 פ.-ק.;

2) פון צושטעלן אַ קראַפט-מאָטאָר אויף זויג-גאַז;

3) פון צושטעלן אַ טורבאָ-גרופּע אויף פּאַרע.

נאָכן באַטראַכטן אַלע טעכנישע מעלות און חסרונות ביי יעדע פון די פאָרגעשטעלטע לעזונגען, האָט מען זיך פאַרהאַלטן ביי דער פאָלגנדער קאָנצעפּציע: מהאָט געדאַרפט איינשטעלן אַ טורבאָ גרופּע און צו דעם צוועק האָט מען גענומען באַקומען אַ נייע טורבאָ-גרופּע און פאַרברייטערן די פאַראַנענע עלעקטראָווניע, וועלכע איז שוין נישט געווען בכח נאָכצוקומען דער וואַקסנדער באַדערפעניש.

דער שטאָט-ראַט האָט אַקצעפּטירט די באַשטימטע אויף דעם צוועק סומע פון 160.000 זל.

בעת דעם נאָכזוכן אַנטשפּרעכנדע איינריכטונגען איז געלונגען געלעגנהייטלעך צו באַקומען אַ פאָלשטענדיקע עלעקטראָווניע-איינריכטונג, וואָס באַשטייט פון 2 קעסלען און 1 טורבאָ-גרופּע אויף 500 פ.-ק., פון אַ לויפקראַן אויף 5.000 קג., צעטיילונגס-טאָפל, רערן און אַרמאַטורן—פאַר ס"ה 95.000 זל. ווייל אָבער די באַקומענע איינריכטונגען האָבן ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע, האָט מען שוין געדאַרפט אָפּלאָזן די אַלטע עלעקטראָווניע און אויסבויען אַ נייע.

די קראַפט-קוועלע מוז האָבן צו איר דיספּאָזיציע גרויסע סכומים וואַסער, נויטיקע פאַר קאָנסומציע, ווי אויך אַ באַקוועמען צופיר פון קוילן. מהאָט אויסגעוויילט פּלאַץ אין זאַפּי-וואָלד, וואָס גיט אָט די באַקוועמע לעזונגען: דער נאָענטער טייך ליפערט וואַסער, די קאָלייקע — קוילן. דעם פּלאַן פון דער געביידע פאַר דער נייער עלעקטראָווניע, האָט אויסגעאַרבעט ה' אינזש. טאָכטשאַק, וועלכער האָט אין דער בויונג אַריינגעלעגט פיל מי און ענערגיע. דער בנין איז פאַרטיק געוואָרן אין אַ זייער קורצער צייט (דעם 25 אויגוסט איז פאַרגעקומען די פייערונג פון לעגן דעם ווינקל-שטיין), ווייל אין אומגעפער 2 מאָנאַטן. איצט אונטער דער עלעקטראָווניע - לייטונג ווערט אָדורכגעפירט דער מאָנטאַזש פון מאַשינען, קעסלען און צעטיילונגס-טאָפל, וועמענס איינשטעלונג סהאָט פּראָיעקטירט דער דירעקטאָר.

די אַרבעטן גייען שנעל פאָראויס און שוין אין דער נאָענטער צוקונפט וועט מען קאָנען ברענגען אין באַוועגונג די אַנשטאַלט.

וואָס פאַר אַ נוצן פאַר דער שטאָט האָט די נייע אינוועסטיציע?

זי וועט געבן די מעגלעכקייט צו ליפערן ביליקערן שטראָם, זי וועט פאַרזיכערן אַ בעסערע צושטעלונג פון עלעקטער, ווייל די טורבאָ-גרופּן זענען ווייניקער עמפּפינדלעך פאַר באַשעדיקונגען ווי די דיזל-מאָטאָרן. זי וועט דערלויבן אויף אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער דראָט-נעץ, אויף צונעמען פּריטע אַבאָנענטן (צבשפּ. מילן), אויף עלעקטריפיקאַציע פון מלאכה, אַגראַר-ווירטשאַפטן און אפשר אויך פון די סביבות'דיקע שטעט און שטעטלעך.

פראַדל לערנער
ביאַלע

משה קאַלינקא
לאָדוש

תנאים-געשריבן

לאָדוש, יאַנואַר 1936

אונזער טאָכטער, שוועסטער און שוועגערין **פראַדעלע** צו אירע תנאים מיט ה' **משה קאַלינקא** ווינטשן מיר פיל גליק
עלטערן לערנער. פאַמיליע קאַלינקא
חיה און אלי' לערנער (קאַברין)

צו די תנאים פון פרל' פראַדל לערנער מיט ה' משה קאַלינקא ווינטשן מיר זיי פיל גליק.
די עלטערן — פיל נחת.
שוועסטער יאַקובאָווסקי.
שוועסטע געלבגורד, רבקה איידעלמאַן

פראַדעלע!
צו דיינע תנאים מיט ה' משה קאַלינקא ווינטשן מיר דיר פיל גליק און פרייד.
ליבע, חוה.

אונזערע שכנים דער פאַמיליע לערנער צו די תנאים פון זייער טאָכטער פראַדל אַ האַרציקן מזל-טוב.
פאַמיליע סאַנדלאַרזש,
יוסף טאַפּיר און שוועסטער.

מיר ווינטשן דעם ה' יואל יצחק לערנער און פאַמיליע, צו די תנאים פון זייער טאָכטער פראַדל מיט ה' משה קאַלינקא ה האַרציקן מזל-טוב.
חנינה קאַשעמאַכער,
יואל שטראַמוואַסער.

אַ האַרציקן מזל-טוב ווינטשן מיר דער פאַמיליע לערנער צוליב די תנאים פון זייער טאָכטער פראַדל מיט ה' משה קאַלינקא.
כ. האָפּפער און פרוי.

אונזער חשובן גבאי ה' יואל יצחק לערנער און פאַמיליע ווינטשן מיר מזל-טוב צו די תנאים פון זייער טאָכטער פראַדל מיט ה' משה קאַלינקא.
חברה קדישא.

שפּאָרט איין צייט,
געזונט און געלט!
וואַש-אַפּאַראַט
„AUTOMAT SAMOPIORĄCY"
קויפט זאָפאָרט אונזער נייעם פּאַטענטירטן וועלכע וואַשט אָן פּאַרע, סטעריליזירט און דעזינפעקצירט גלייכצייטיק, שפּאָרט איין זייף און צייט. די גרעסטע פאַמיליען-וועש העכסטנס אין 3 שעה. דער פּרייז איז צוגענגלעך פאַר יעדער פאַמיליע. באַשטעלונגען ווערן אָנגענומען פאַר באַר און ראַטעס אין וואַרשע. אָנפרעגן טעלעפאָניש 11-57-77 אָדער ביי
A. Khon, Biała-Podl., ul. Janowska 17

CELINA SANDLER
b. wieloletni prof. „Universite de Beute" w Paryżu, długoletnia instruktorka Kursów Kosmetycznych w Warszawie, Pl. Trzech Krzyży 11, będzie udzielać bezpłatnych porad kosmetycznych w zakresie pielęgnacji skóry oraz indywidualnego maquillage'u.
UWAGA! Panie proszone są we własnym interesie uprzednio zapowiadać swoje wizyty w drogerji: M. Hoffera, Biała-Podl. ul. Pierackiego 8.

גרייט זיך צום גראַנדיעזן דאַנסינג פון ל. אָ. פּ. פּ.
וועלכער קומט פאַר שבת ד. 25 ד. ח.
אין די זאַלן פון בירגער-קלוב

דער קהלה-בודזשעט אויפן יאָר 1936

דער ראַט פון דער יידישער קהלה איז צונויפגערופן געוואָרן אָנצונעמען דעם קהלה-בודזשעט אויפן יאָר 1936. כדי צו באַקאַנען די יידישע באַפעלקערונג אין ביאַלע מיט דער טעטיקייט פון איר אייגענער זעלבסט-פאַרוואַלטונג, פאַרעפנטלעכן מיר דעם בודזשעט-פּרעלימינאַר אינגאַנצן.

בודזשעט-פּרעלימינאַר אויפן י. 1936.

אויסגאַבן	פּרעלימינירט אין 1935	אויסגעגעבן אין 1935	פּראָיעקט פון פאַרוואַלטונג 1936	
חובות:				
חובות פּענסיע	2.000	1.300	2.000	
„ וועקסלען	2.276.50		4.000	
„ סקאַרב	2.500		2.500	
„ קראַנקן-קאַסע	2.000		2.000	10.500
ראַבינאַט:				
פּענסיע מו"צ אוטשען	3.120	3.120	3.120	
עמעריטור לבית הרב	1.500	583	1.500	4.620
גמינע-קאַנצעלאַריע:				
פּענסיע סעקרעטאַר ה' ווינאָגראַד	2.330	2.300	2.330	
„ טייבלום	988	988	988	
באַהייצונג אין ביוראָ	80	80	80	
באַלייכטונג אין „	70	70	70	
טעלעפאָן	—	—	150	
שרייב-מאַשין	—	90	200	
שרייב-מאַטעריאַל און דרוק	200	200	150	
באַפעלקערונג-עווידענץ	500	287.50	—	
געהילף-ביוראָ, האָכבערג	—	—	360	
ריניקן די ביוראָ	60	82	60	4.388
בתי-מדרשים:				
פּענסיע — חזן כהן	1.040	936	1.040	
„ יואל גרינגלאַס	450	411	450	
„ מענדעלזאָן	225	257	260	
„ וואַקסמאַן	150	168	150	
„ פרידמאַן	200	124	200	
„ פּוטערמאַן, סטרוזש	520	296	260	
„ ווישיקאָווסקי „		181.50	180	
באַלייכטונג — בתי-מדרשים	500	592.90	500	
באַהייצונג „	200	206	200	
אַסעניזאַציע	150	142	150	
ריניקן (ראַפּע א. א.)	75	134.55	75	
רעמאָנט בתי-מדרשים	1.000	2.800	1.000	4.465
שחיטה-אַדמיניסטראַציע:				
פּענסיע — מ. יוד	2.500	2.500	2.000	
„ י. פּאָלאָנעצקי	2.500	2.500	2.000	
„ ש. רובינשטיין	2.500	2.500	2.000	
„ ל. וויינטרויב	2.500	2.500	2.000	
עמעריטור — בינשטיין	416	312	312	
„ ווירצער	312	306	312	
דוד זילבערשטיין	500	500	500	
שחיטה-אויסגאַבן	700	731	700	
ש. י. פראַנקרייך	780	780	780	
דוד גרינשטיין	972	972	972	11.576
בית-החיים:				
בית-החיים ה"ק	650	732	650	
„ פאַרקן	750	689.43	300	950
מקוה: מקוה	2.000	59	2.000	2.000
שפּיטאָל: שפּיטאָל	18.000	10.943.40	17.000	17.000
שטיצע פאַר אָרעמע און סובווענצן פאַר אינסטיטוציעס				
שטיצע פאַר אָרעמע	2.000	1.776	2.000	
מצות חטים	1.500	—	1.500	
זעלנער-קיך	400	456.51	400	
תלמוד-תורה 2000 געצעלבער 1500	3.500	2.006.50	3.500	
„טאָז"	200	180	200	
זומער-קאָלאָניע, „טאָז"	300	300	300	
מושב-זקנים	500	2.265	1.200	
גמילות-חסד	600	200	600	
סט. אפּ. נ. מ.	100	50	100	
„תרבות"	100	50	100	
אָוונט-קורסן פאַר דערוואַקסענע	500	—	300	
קרן הישוב	100	—	100	
קרן-היסוד	100	—	100	
קרן-קימת	100	—	100	
בית-יעקב	250	250	250	
ישיבה — לובלין	100		100	10.850
פאַרשידנס:				
קראַנקן-קאַסע	1.100	—	1.100	
פּאָדאַטקעס	1.000	322.64	1.000	
אַסעקוראַציע — הייזער	250	40.88	250	
פּראָצענט פון הלוואות	400	525.41	400	
עטאַט-אינקאַסע — סקאַרב		480	500	
נישט פאָרויסגעזעענע	1.260.50	1.203.60	1.000	4.250
			70.599	

הכנסה:

	פּרעלימינירט אין 1935	אויסגעגעבן אין 1935	פּראָיעקט פון פאַרוואַלטונג 1936
עטאַט חובות	7.650	1.909.50	6.399
„ 1936	21.700	8.373.50	21.700
שחיטה	24.975	24743.50	23.500
בית החיים ערטער	3.000	3.899	3.000
„ מצבות און אַרומצוימערן	500		500
„ פרייוויליקע נדבות		5.000	3.000
מקוה	2.000		2.000
געצעלבער — ת"ת	1.500		1.500
שפּיטאָל-הכנסה	9.000		9.000
			70.599

* * *

דער פּרעלימינאַר זעט פאָר אַ הכנסה און אַ הוצאה אין דער הויך פון 70.599 זל. דער בודזשעט איז איינגעטיילט אין צען טיילן.

אום צו האָבן אַ קלאָר בילד פון דער גמינע-טעטיקייט, מוזן מיר אַנאַליזירן באַזונדערע פּונקטן אי פון די הכנסות, אי פון די הוצאות.

1. חובות

אין בודזשעט אויף 1935, איז אויך פּרעלימינירט געוואָרן אַ סומע פון 9.000 זל, אָפּצוצאָלן חובות, אָבער אויסגעצאָלט איז געוואָרן נאָר... 1.300 זל. און היינט פּרעלימינירט מען ווידער 10.500 זל. מען וועט צו ווייט דערגיין, אויב די חובות וועלן אָפּגעצאָלט ווערן אין אַזאַ „האַסטיקן" טעמפּאָ, ווי ביז איצט. דער קראַנקער קאַסע-חוב וואַקסט, די וועקסל פאַרפליכטונגען שטייגן (1935—2.276 זל., 1936—4.000 זל.) דער סקאַרב חוב איז דעסגלייכן געשטיגן. צי וואָס וועלן מיר דערגיין, אויב מוועט נישט אויסאַרבעטן און רעאַליזירן קיין פּלאַן פון אַ שטופנווייזער דערליידיקונג פון אַלע חובות. אויב מוועט אַזוי ווייטער גיין, זעט זיך פאָר, אַז דעם עטאַט וועט איינמאָנען אַ... קאָמאָרניק, אָדער אַ קאָמיסאַר און וועט פאַרוואַנדעט ווערן בלויז אויף צו באַצאָלן חובות. דער ראַט, אָננעמענדיק דעם בודזשעט, דאַרף זיך איבער דעם פאַרטראַכטן.

2. גמינע-קאַנצעלאַריע

די סומע פאַר דעם טייל בידזשעט איז: 4.388 זל., וועלכע דאַרף אויף ספּעציעלע אויסגאַבן פאַרגרעסערט ווערן. סדאַרף געפירט ווערן אַ סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג. סאיז נישטאָ קיין ענטשפּרעכנדע דיאַגראַמען, וואָס זאָלן אילוסטרירן דאָס לעבן פון יידישן ביאַלע.

אַ חרפה איז צו דערציילן, אָבער מען מוז.

בשעת הרב שאַפּיראָ ז"ל פון לובלין איז געווען אין ביאַלע און האָט זיך אין דער גמינע געפרעגט, וויפיל יידישע משפחות ביאַלע פאַרמאָגט, איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל אים וועגן דעם זאַכלעך קאָנען ענטפערן.

הגם מיר ווילן באַלאַסטן די גמינע-קאַנצעלאַריע מיט נאָך קליינע אַרבעטן אין דער הינזיכט, מוזן מיר אָבער ענערגיש און קאַטעגאָריש אַרויסטרעטן קעגן פאַרגרעסערן דעם גמינע-פּערסאָנאַל מיט אַ ביוראָ-געהילף.

דער טעטיקייטס קרייז פון דער ביאַלער קהלה איז אַזוי קליין, אַז די פּערספּעקטיוון, דעם קרייז אויסצובריייטערן, זענען אַזעלכע שוואַכע אַז מען דאַרף נישט צונעמען דערווייל נאָך אַ באַאַמטן, אַן אומנויטיקן.

דער גמינע-בודזשעט איז אַזוי אויך צופיל איבערגעלאַסטעט מיט געהאַלטער און פּענסיעס, אַז פאַר פּראָדוקטיווע צוועקן בלייבט גאָרנישט, אַבסאָלוט גאָרנישט.

די דאָזאָרעס און פּרנסים דאַרפן זיך וועגן דעם גוט פאַרטראַכטן.

3. בתי-מדרשים

די ריינקייט פון אונזערע בתי-מדרשים לאָזט זיך גאָר אַ סך ווינטשן. דער בית המדרש איז אָפּטמאָל אַ הכנסת-אורחים און דאָס דאַרף נישט געשען.

די ווייבער-שול און דער ווייבער-בית-המדרש דאַרף אויך געברענגט ווערן צו אַ געוויסן היגיענישן צושטאַנד.

סווילט זיך ביי דער געלעגנהייט פרעגן דער גמינע-פאַרוואַלטונג, צי זי האַלט פון פּרינציפּ: „כל דאלים גבר", ווייל אַלע פּענסיעס זענען אויסגעצאָלט (ספּעציעל פון שחיטה ביזן גראָשן), נאָר די אַזוי אויך קליינע פּענסיע דעם חזן, איז פאַרלעגן מיט 101 זל.

אויך טאָלערירט די גמינע דאָס פאַרנעמען דעם הכנסת-אורחים פאַר פּריוואַטע וווינונגען. וועמען, וועמען, אָבער דעם שחיטה-באַאַמטן אירן, קאָן דאָך די פאַרוואַלטונג זיכער צווינגען צו דינגען זיך אַ דירה. וואָס פאַראַ הפקרות הערשט אויף דעם געביט! אויך די צוויי איבעריקע לאָקאַטאָרן מוז מען מיט פרידלעכע און אַפילו מיט צוואַנגס-מיטלען פון דאָרט באַזייטיקן. סטאָר נישט טאָלערירט ווערן אַזאַ הפקר-צושטאַנד פון וווינען אין גמינע-הייזער בחינם.

4. שחיטה

פאַראויסזעענדיק אַ פאַרקלענערונג פון דער הכנסה, טוט זייער גוט די גמינע, וואָס זי רעדוצירט די אויסגאַבן מיט 2.000 זל. אפשר וועט די קהלה-פאַרוואַלטונג אויפקלערן, וואָס פאַראַ שחיטה-אויסגאַבן זענען עס די 700 זל.? צי איז עס נישט אַמאָל פאַרן פירן די שוחטים אין שעכט-הויז אַריין? אין אַזאַ פאַל, וואָלטן די הערן דאָזאָרעס זיכער געמעגט געפינען אַ בעסער פאַרווענדונג פון די געלטער. די גמינע פאַרוואַלטונג ווייסט דאָך, אַז קיין שום אַרבעטס-געבער שטעלט נישט צו קיין לאָקאָמאָציע דעם אַרבעטסנעמער, צוצופאָרן צום אַרבעטס-אָרט.

רעדנדיק וועגן דער שחיטה, גלוסט זיך פרעגן, צי האָט די גמינע טאַקע אויך ווייטער בדעה צו הייכן קימען די וואַליצר שעכטן אין שטאָט די עופות, אַנשטאָט צו שיקן אַהין יעדן טאָג אַ שוחט? צי די וואַליצר געניסן פון אומזיסטע שחיטה? צי צאָלן זיי נישט קיין עטאַט? אפשר?

5. בית החיים

ס"ה פּרעלימינירט 950 זל. אפשר, וואָלט שוין צייט געווען צו מאַכן דאָרט אַביסל אָרדנונג?

מיטן פאַרגרעסערן דעם בית-החיים דאַרף מען איבערגיין צום „קוואַרטירן-סיסטעם" און פאַרוואָרפן דעם 2000-יאָריקן "וועלוועלע-סיסטעם".

כעזריטש, אַ פיל קלענערע שטאָט, האָט זיך דערלויבט דעם לוקסוס פון באַכן אָרדענונג אויפן בית-עולם. סאיז דאָרט דאָ אַ קברים- און אַ אָריענטאַציע-מאַפּע. און ביי אונז? ביי אונז לעבט מען אין דער הינזיכט אין צושטאַנד פון „ווילדקייט".

6. מקוה

וועגן דער ריינקייט דאָרט וועט שוין מן הסתם זאָרגן די סאַניטאַרע מאַכט. סאינטערעסירט איז אַ אַנדער פאַל. מיט אַ יאָר צוריק איז פּרעלימינירט געוואָרן פאַר דער אַנשטאַלט 2.000 זל. און אויסגעגעבן געוואָרן איז גאַנצע... 59 זל.

די גמינע-פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן נישט איינצופירן דאָרט קיין עלעקטרי-באַלייכטונג. וואָלט די גמינע באַטראַכט די אַנשטאַלט אַלס איר אייגנטום, וואָלט זי דערביי זיך מער פאַראינטערעסירט און צוגעברענגט איר צו אַ געוויסן ניצבאַרן און מעגלעכן צושטאַנד. אָבער... די דאָזאָרעס אַליין מיינען, אַז זי געהער שוין נישט צו דער גמינע און דעריבער האָבן מיר אַזאַ אַנשטאַלט ווי אין ראַסאָש און נאָך ערגער.

7. סובווענצן

אַ טייל, וואָס האָט אַ סך פיקטיווע פּאָזיציעס. וואָס זענען אויסן בלויז צו באַשיינען אונזער בידזשעט. מאַכן פון אים אַ קולטור-טרעגעריקן און נאַציאָנאַלן. ווי דען קאָן מען אָנרופן די פּאָזיציעס פון: קרן-קימת 100 זל., קרן-היסוד 100 זל., קרן-הישוב 100 זל., אָוונט-קורסן פאַר דערוואַקסענע 300 זלאָטעס.

דער ראַט דאַרף וויסן: ענטוועדער, אָדער. ענטוועדער מנעמט אָן און מען צאָלט אויס, אָדער מען נעמט נישט אָן. קיין "שפּיל פּאָזיציעס" קאָנען נישט זיין.

די 1.500 זל. וואָס זענען נישט אויסגעצאָלט געוואָרן אַלס מעות-חטים, זאָל פאַרשריבן ווערן אַלס געווינס פון די מוסרים, וואָס האָבן פאַראַיאָרן אין די פאַר פּסח-וואָכן, אין די טעג פון דער „רב-העפצ" צוגעברענגט צום נישט באַשטעטיקן דעם בידזשעט.

די 3.500 זל. אַלס סובווענץ פאַר דער תלמוד-תורה, פאָדערט אויך עפּעס אַ מערערע באַלייכטונג. די גמינע-פאַרוואַלטונג האָט נישט קיין איין דערציִונגס-אַנשטאַלט. דאַרף זי ווייניקסטנס די „תלמוד תורה" ברענגען צו אַ בעסערן מצב. צו אַ מצב, וואָס זאָל ענטשפּרעכן די מינימאַלסטע פאָדערונגען פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבן.

8. פאַרשידנס

500 זל. פיגורירט אַלס אינקאַסע-אָפּצאָל פאַרן שטייער-אַמט. סדאַרף זיך גוט פאַרטראַכטן וועגן דעם די עטאַט-צאָלער. אַז די 500 זל. וואָלטן געקאָנט פאַרווענדעט ווערן אויף עפּעס וואָס וויכטיקערס און סוואָלט אי זיי אַליין, אי דער גמינע געברענגט מער נוצן, ווען דער עטאַט זאָל נאָרמאַל איינפליסן אין דער גמינע-קאַסע אָן די סקאַרב-עקזעקוציעס. מיר מוזן האָבן אין זיך דאָס מינימאַלסטע געפיל פון טרייסשאַפט לגבי אונזער אייגענער אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג און נישט צווינגען איר אויסצוגעבן 500 זל. אויף אַזאַ נישט פּראָדוקטיווע זאַך, ווי עקזעקוציעס דורכן סקאַרב.

9. הכנסה

דער עטאַט איז נישט קיין פּראָגרעסיווער. די צאָל-פּראָגרעסיע צווישן אַ פאַרמעגלעכן און נישט פאַרמעגלעכן איז אַ צו קליינע.

סדאַרף אַמשאַרפסטן קריטיקירט ווערן דער סיסטעם פון „שוינען די היימישע קעשענעס", וואָס אונזערע דאָזאָרעס האָבן איינגעפירט ביים אויסמעסטן און איינמאָנען דעם עטאַט.

ווער סוויל אויספּרעסן פאַר זיך, אָדער פאַר אייגענע אַ קלענערן עטאַט, פאַרן פרייז פון נישט מסורן, מוז ענטלעך געשטעמפּלט ווערן און נישט קריגן, וואָס ער וויל.

די פאַרוואַלטונג און ראַט-מיטגלידער, דאַרפן זיך אויפהייבן אויף דער געהעריקער הויך און וויסן, אַז זיי זיצן אין גמינע נישט „איינצוהיטן" די היימישע, נאָר צו אַרבעטן געזעלשאַפטלעך לטובת אַלע. דער אויסגעמאָסטענער עטאַט, דאַרף ווייניקסטנס אין 70-80 פּראָצענט איינקאַסירט ווערן, נישט ווי ביז יעצט.

ווילסטו האָבן ביליקע עלעקטרי-באַלייכטונג?

פון שטאָט-ראַט.

סיטואַך אונזער איז פאַרגעקומען אַ שטאָט-ראַט-זיצונג, אָנצונעמען אַ צוגאָב-בודזשעט פאַרן יאָר 1935/6.

דער צוגאָב בודזשעט אין דער הויך פון 78.154 זל. הכנסה און 84.050 זל. הוצאה, האָט אַרויסגערופן אַ דיסקוסיע, אין וועלכער סאיז געקומען צום אויסדרוק, די היינטיקע שטאָט-ראַט איינשטעלונג — די איינשטעלונג, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָכן פאַנאַנדערלאָזן דעם „בעבע"-קלוב. נאָכדעם, ווי די ראַטמענער דאַרפן נישט, ווי לויט אַ קאָמענדע נאָך: אויפהייבן די הענט אָדער נישט.

די זיצונגען אין שטאָט ראַט דערמאָנען היינט, די צייטן ווען ה' זאַקשעווסקי איז געווען בירגערמייסטער און האָט געמוזט לאַווירן מיט די ראַטמענער, כדי צו פאַרזיכערן זיך די נויטיקע פאַר שטימען. מען מערקט עס היינט אויך, אָבער מען פילט, אַז אויסער אין דער „ראַדע" האָט זיך דער היינטיקער בירגערמייסטער נאָך אין וועמען אָנצושפּאַרן... דאָס פילן אויך די ראַטמענער, און דאָס האַלט אַ טייל פון זיי אָפּ פון „אַגרעסיווערע" אַרויסטרעטונגען לגבי דער שטאָט-פאַרוואַלטונג.

* * *

די יידישע ראַטמענער שפּילן היינט כמעט ווי די אַנגעזעענסטע ראָלע און דעריבער דאַרף יעדער זייער אַרויסטרעטונג זיין ווירדיק און וואָגיק, ווייל אַ סך מאָל זעען זיי דאָס ציגל פון דער וואַנט. און אויב זיי זעען עס נאָך נישט היינט איינגאַנצן, איז זייער מעגלעך, אַז אין נאָענטסטן מאָרגן זאָלן זיי עס יאָ זיין...

די פאַרוואַלטונג, דאַרף אין די פאַלן זיין ווייניקער נאָכגיביק און ביי די אַלע, וואָס קאָנען צאָלן, מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענטקייט איינמאָנען.

* * *

כבלייבט אונז נאָך צו באַרירן דאָס קאַפּיטל, וואָס הייסט: „יידישער שפּיטאָל", אָבער וועגן דעם, וועלן מיר זיך ספּעציעל אָפּקערן.

ח. מיאַדעק

* * *

אַ דאַנק אַ געוויסע גרופּן-איינשטעלונג, האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז טייל פאַרשלאַגן, וואָס קומען פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג זאָלן נישט באַטראַכט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון צוועקמעסיקייט צי נישט, נאָר... פון דער באַציִונג צום רעסאָרט-לייטער פון געגעבענעם רעסאָרט אין מאַגיסטראַט.

* * *

נישט נאָר דער שטאָט-ראַט איז נישט איינהייטלעך, נאָר נישט „האַרמאָניש" אַרבעט אויך דער מאַגיסטראַט. אָפּטמאָל ווערן צו די מאַגיסטראַט-פאַרשלאַגן צוגעגעבן אַ באַמערקונג: „נישט אין נאָמען פון דער גאַנצער שטאָט-פאַרוואַלטונג" און בשעת-מעשה קוקט דער בירגערמייסטער אויף דער לינקער זייט פון זיין טיש, וועלנדיק אַזוי אַרום אָנווייזן, ווער סאיז די מינדערהייט און ווער דער „ניין זאָגער" אין מאַגיסטראַט.

* * *

אַ סך פריינטשאַפט-פעדעם בינדן דעם פאָרזיצער פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע פון שטאָט-ראַט מיט דעם וויצע-בירגערמייסטער. די פעדעם ווערן אָמאָל...

שוין נישט פון היינט און נעכטן הערשט צווישן ביידע „שטאָט-טאַטעס" אַ דיסהאַרמאָניע. דאָס לעצטע ווירקט אַזוי, אַז די „פריינטשאַפט-פעדעם" זאָלן זיך נישט אַמאָל אין „פיינטשאַפט-שטריק" פאַר דער מערהייט פון דער היינטיקער שטאָט-פאַרוואַלטונג, אָדער פאַרן בירגערמייסטער פאַרוואַנדלען.

* * *

לעת-עתה האָט די רעוויזיאָנס-קאָמיסיע "בלויז" אַ פאַקט געמאַכט מיט דער בייטש אין דער פאָרם פון דורכפירן דעם פאַרשלאַג צוצוציען דעם געוו. בירגערמייסטער ה' זאַקשעווסקי, צו גערעכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פאַר די 26.000 זל. — יאַטקע-געלטער

זי האָט אָבער גאַנץ דייטלעך געגעבן אָנצוהערן, אַז מען מיינט נישט זאַקשעווסקען, נאָר מען מיינט צו וואָרצנען. און כדי צו באַווייזן, אַז מען מיינט עס טאַקע ערנסט, האָט די קאָמיסיע רעווידירט בלויז אַ טייל („צופעליק" דעם שוואַכסטן און אַנגעוויטיקסטן טייל פון די עלעקטראָווניע אַרבעטן) פון די היינטיקע בודזשעט אויסגאַבן.

און שוין דאָרט האָבן זיך די פעדעם אין „שטריקלעך" פאַרוואַנדלט.

עם—קאַ.

באַמערקונג:

צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ וועלן מיר צו דער לעצטער שטאָט - ראַט-זיצונג זיך נאָך אומקערן אין צווייטן נומער.

„ייד זיס".

אַ פילם-בילד אויף דער קאַנווע פון דער יידישער טראַגעדיע

דער פילם אונטער דעם נאָמען איז רעאַליזירט געוואָרן לויטן היסטאָרישן ראָמאַן פון גענאַלן יידיש-דייטשן שריפטשטעלער ליאָן פויכטוואַנגער. די הויפּט-ראָל, פירט אויס דער אומפאַרגעסלעכער טראַגיקער און טיפער קענער פון דער מענטשלעכער נשמה — קאָנראַד ווייד.

אָט איז אין קורצן דער אינהאַלט פון דעם פילם:

אינם גאַסט-הויז אויפן וועג קיין שטוטגאַרט, האָבן זיך באַגעגנט צוויי מענטשן. ביידע גלייך רייך געקליידעט, גלייך פאַרנעם, נאָר אויף ווייט פאַרשידענע לעבנס-פלאַכן.

איינער — דאָס איז יוסף זיס אָפּענהיימער, אַ גדול צווישן זייניקע, וואָס פאַרוואַלטעט מיט גרויסע געלט-אוצרות, יונג, סימפּאַטיש, רעפּרעזענטאַבל, אויסערסט אַמביציעז, וואָס שטרעבט פאַר יעדן פרייז און מיט יעדע מיטלען צו מאַכט, צו הערשן.

דער צווייטער — דאָס איז פּרינץ אַלעקסאַנדער, אַן אויסגעצייכנטער פירער, אַ פיל-מאָליקער זיגער, נאָר גלייכצייטיק אַ מענטש פון אַן ענגען גייסט, שוואַכן ווילן, פון גרויסע אַפּעטיטן, וואָס לאָזט מיט זיך לענקען.

די צוויי מענטשן האָט דער צופאַל און גורל מיט זיך פאַרבונדן. אַזוי איינער ווי דער צווייטער, האָבן זיך אַליין פאַרדאַנקט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

ידידי-בריוועלעך

ב"ה ועש"ק לסדר „ואל ישעו בדברי שקר".

ידידי!

איינצעלנער, וואָלט איך דיר וועגן ענין גמ"ח-קאַסע אין ביאַלע מער נישט געשריבן. סאיז דאָ וועגן וויכטיקערע זאַכן צו שרייבן. וואָרעם וועגן וואָס איז דאָס ווידער איבערקייען. אַזוי איז עס שוין. אַז סתם יידן אויף דער וועלט נעמען זיך און מאַכן אַ דרייוו, מאַכן אַביסל געלט און שיקן עס איבער קיין פּוילן אום צו פאַרטיילן עס צווישן שטעט און שטעטלעך, ווו סווערן געגרינדעט גמ"ח-קאַסעס אויף צו העלפן יורדים און אָרעמע בעלי-מלאכות מיט כמעט אָן פּראָצענטיקע הלוואות. ווערט טאַקע ביי אונז אין ביאַלע אויך געשאַפן אַזאַ קאַסע. נאָר אין דער שפּיץ שטעלט זיך אָוועק מיט כח אַ ייד, וואָס פאַרשטייט דעם ענין גאַנץ אַנדערש. אַז גענוסן פון אַ גמ"ח, דאַרפן קודם כל זיינע ברודער און קרובים. נאָכדעם אנשי שלומינו וועלכע האַלטן מיט אים (ידידים קאָן מען זיי נישט אָנרופן, ווייל באמת האַלטן זיי אַליין אויך קנאַפּ וואָס פון אים) און דער עיקר דאַרף קריגן אַ גמ"ח (אַהיים געשיקט) אַ רייכע בעל-הבית'טע, וועלכע פירט נישט ח"ו קיין שום האַנדל, נאָר האָט זיך ב"ה איר בכבודיקע רענטע פון איר הויז. נאָר איר זכות באַשטייט אין דעם, וואָס אַ הויכער באַאַמטער פון „צעקאַבע" איז אירס אַ נאָענטער קרוב. דער פאַר טאַקע איז גאַנץ מעגלעך, אַז די באַרימטע פּנים פּרעזעס, אַז אין „צעקאַבע" וואָרפט מען דעם „ביאַלער-וואָכנבלאַט" אין קויש. (כאָטש בנוגע אַן אַנדער ענין ווי וועגן די פּעקלעך פאַר אָרעמע קרובים אין פּוילן, וואָס ווערן געשיקט דורך די אַגענטן פון „צעקאַבע" אין אַמעריקע, איז מען געווען אַזוי ליבנסווירדיק און תיכף רעאַגירט און געשריבן צו דער חשובער רעדאַקציע פון „ביאַלער-וואָכנבלאַט") — איז קרוב לאמת. און מעגלעך, אַז דאָס איז אַזאַ שקר ווי אַלע שקרים זיינע. ווי לבטל זיין איינגרוימען אין אויער יעדן, אַז ער האָט געוויינט פאַרן ה' סטאַראָסטע און געבעטן, אַז ער וויל נישט זיין מער קיין ראַטמאַן און דער ה' סטאַראָסטע וויל אים נישט אַרויסלאָזן אויף קיין פאַל און האָט אים געזאָגט כהאי לישנא: אויב דער פאַן ווייסמאַן וועט נישט זיין אין מאַגיסטראַט, האָט ער נישט קיין שום קאָנטראָל דאָרט...

איך וואָלט פאַר דיר אָט די נאַרישע מעשה נישט מגלה געווען, זאָל אַ ייד אַ „חכם" מיינען, אַז ער מאַכט מיר פאַרן שוטה, פאַרן „יאמין לכל דבר", נאָר אַז איך האָב שוין געהערט די זעלבע געשיכטע פון עטלעכע פּערזאָן און אַלע האָבן דאָס געהערט מפּיו הקדוש, פּונם פאַן ווייסמאַן אַליין, ערלויב איך מיר דאָס מגלה צו זיין. און דער „גרויסער חכם" מיינט, אַז אַלע זענען יואל מאיר'ס און גלייבן אים, אַז טאַקע קען זיך דער ה' סטאַראָסטע קיין עצה נישט געבן און האָבן אויפזיכט אויף דער מאַגיסטראַט-טעטיקייט אָן אים. אָט האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער טריבונע בעת דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און געפּרעדיקט, מעיד געווען אויף זיך אַליין, אַז ער איז אַ חכם גדול און נאָר דער „וואָכנבלאַט" האַלט נישט פון אים. און ווער לייענט דען דאָס בלעטל? נאָר די דינסט מיידלעך. און פילט נישט, ווי ער מאַכט זיך לעכערלעך. אַלע ווייסן דאָך, אַז פרייטאָג באַגינען לויפט ער שוין אַרום צווישן די, וועלכע ער רופט אָן דינסט מיידלעך (אַגב גאַנץ פיינע אָנגעזעענע בעל-הבית'טעס) באָרגן איבערצולייענען דאָס בלעטל. נאָר מילא איז עס כאָטש צווישן אונז יידן, אָבער אַז ער טוט דאָס אויך צווישן קריסטן און ברענגט זיך און אונז צו שאַנדע מיט זיין פּוסטע גאווה טוט עס ווי. אָט איז פאַרגאַנגענע וואָך פאַרגעקומען אַ שטאָט-ראַט-זיצונג האָט אָט דער צפּיעקשטשער מיוחס'דיקער ראַטמאַן נאָך זיין נצחון כלומרשט, פאַרלאַנגט, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז אונזער שטאָט-טאַטע דאָס הייסט דער ה' בירגערמייסטער זאָל אים אין שוץ נעמען קעגן די אַנפאַלן אויף אים אינם „ביאַלער-וואָכנבלאַט", באשר אַז בעת דעלעגירן דורכן שטאָט-ראַט מיטגלידער אין דער בילדינגס-קאָמיסיע אויסער די שולן, האָט אַ ראַטמאַן פאָרגעלייגט זיין קאַנדידאַטור, האָט דער „ביאַלער-וואָכנבלאַט" אין באַריכט צוגעגעבן, אַז דאָס האָט מען אינטריגירט, ווייל באמת „אמרי אינשי קמי דשתי חמרי חמרי, קמי רפוקא (קאָמאָרופּקע) גרידא דיבלי", אויף פּראָסט לשון הייסט עס: ווי קומט אַ ד"א צו קאָרן?... האָסטו באַדאַרפן זען, ווי דער זעלבער ה' ראַטמאַן וואָס האָט דאַן אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור, האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט טאַקע מודה געווען, אַז ער האָט עס טאַקע דעמאָנסטראַטיוו געשטעלט ווייסמאַנס קאַנדידאַטור, ווייל דער מענטש האַלט זיך פאַר אַ ספּעץ אויף אַלע געביטן און ה' ווייסמאַן איז נעבאַך אַרויס אבל וחפוי ראש.

דער שטאָט-טאַטע דער ה' בירגערמייסטער, האָט נישט רחמנות געהאַט אויף דעם „פּאָלקס-פאַרטרעטער" און אָפּגעשיקט אים מיט זיין אַנקלאַגע ערגעץ אַנדערש. ווען למשל ער פרעגט מיר, וואָלט איך אים אָפּגעשיקט צו ה' יואל מאיר'ן און נישט ער זאָל מיט יואל מאיר'ן לערנען ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין בעתן כרוז וועגן שטימען פאַר אים, נאָר ער זאָל לערנען ביי יואל מאיר'ן, וואָלט אים יואל מאיר אפשר אָנגעוויזן אַ גמרא (ב"מ נט) „אמרי אינשי איתתך גוצא גחין ולחיש לה", דאָס הייסט: אויב דיין ווייב איז אַ קליינע, בויג זיך איין און פרעג ביי איר שטילערהייט אַן עצה און מילי דעלמא. און אַזאַ יאָר מיר ווי זיין קליין ווייב עצה'ט אים. זי זאָגט אים טאַקע, אַגאַנצע שטאָט איז קעגן דיר, טרעט אָפּ, זיי מוחל, זאָל טאַקע אַ ייד וואָס פאָרט נעבאַך יום ולילה אַרום אויף די ירידים און פּייניגט זיך אויך קריגן אַ גמ"ח פון 25—30 זל. און טאַקע אָן פּראָצענט ממש. מיטגלידער זאָלן זיין דוקא רייכע יידן און זאָלן צאָלן מיטגלידס-אָפּצאָל, און אַז אַן אָרעמער ייד נעמט אַ גמ"ח, זאָל ער קריגן במלואו און נישט רייסן פון אים 2—3 זלאָטעס פון יעדער הלוואה.

נאָר ווי געזאָגט, נאָך וואָס ווידער איבערקייען דאָס זעלבע, אַז היינט איז אַ וועלט אַז „כל דאלים גבר", ער מאַכט מיטגלידער, ער מאַכט פאַר נישט קיין מיטגלידער, אַזוי זאָגט ער ווייל איך און רוף מיך קנאַקניסל. איך וואָלט טאַקע נישט געשריבן וועגן דעם, נאָר איך זע פּשוט דעם אונטערגאַנג פון דער וויכטיקער כמעט וויכטיקסטער אינסטיטוציע

צאָל איין פאַר אייניקע מאָנאַטן פאָראויס!

זיס פעטער, ר׳ גבריאל, זאָגט פאַראויס דעם פּרינץ אַלעקסאַנדער, דאָס איבערנעמען דעם טראָן, טראָץ דעם, וואָס עס לעבט נאָך דער רעגירענדער פּרינץ און זיין טראָן-פאָלגער. אַ דאַנק דער גביאות, גיט זיס אָפּ זיין גאַנץ פאַרמעגן צו דער דיספּאָזיציע פון פּרינץ. די גביאות פון ר׳ גבריאל איז שנעל מקוים געוואָרן און נאָך אַ קורצער צייט, אָרדנט איין אַלעקסאַנדער אַ טריומפאַלן אַריינפאָר קיין שטוטגאַרט צוזאַמען מיטן ייד זיס, אַלס זיין פינאַנס-מיניסטער.

פון דעם מאָמענט וואַקסט די מאַכט פון זיס פון טאָג צו טאָג. ער באַקומט קאָלאָסאַלע איינפלוסן, טיילט כיבודים און אויסצייכנונגען און רעגירט פאַקטיש מיטן לאַנד.

אין צווישנצייט, באַקאַנט ער מאַגדאַלינען סיבילע ווייסענזיי, די איינציקע פרוי, ביי וועלכער ער האָט געקאָנט גליק געפינען. אָבער גראָד די פרוי איז געפעלן אויך דעם פּרינץ און זיס ווערט זיך נישט אָפּצוגעבן זי אים, כדי צו דערגרייכן זיין ציל.

דער פעטער פון מאַגדאַלען, דער הויף-ראַט פון פּרינצנטום ווייסענזיי, האָט אַזוי רויק די פאַרשעמונג פון זיין טאָכטער נישט אָנגענומען. ער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם פּרינץ אין אַ קליין לוסטשלעסל אונטער שטוטגאַרט, ווו ס׳האָט געוווינט די איבער אַלץ געליבטע טאָכטער פון זיסן — נעמי. דעם פּרינץ איז געפעלן דאָס פרישע מיידל און, פאַרפאָלגנדיק זי, האָט ער אומגעבראַכט פאַראורזאַכט איר טויט.

דער טאַטע פון זיסן האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן. ער באַשליסט צו פאַרניכטן דעם פירסט און שווערט אום נקמה ביים טויטן קערפּער פון זיין טאָכטער.

ער דערוויסט אים פּרינץ טרויסטן ווען באַבע, ער ווייזט אים אין זיין פּאָמעראַניע די קעניגלעכע קרוין, ער דערלאַנגט אים אַפילו וועגן קיסרות. אונטער זיין איינפלוס, אָרגאַניזירט אַלעקסאַנדער אַ מלוכה אָפּגענומען, נאָר ווען אַלע פאַרברייטונגען זענען שוין פאַרטיק, באַלד זיס באַמערקט יענעמס פּלענער און אין אַ טראַגישן געשפּרעך מיטן פּרינץ, דערדריקט ער אים אַזוי, אַז ער שטאַרבט ער פון אַ האַרץ-שלאַג.

זיס ווערט אַרעסטירט, נאָך אַ דיינער שאַרפער פּסק אין געריכט, באַקומט אַ טויט-אורטייל. ער שטאַרבט ווי אַ העלד, פליסטערנדיק מיט די ליפּן אין דער לעצטער מינוט דעם אַלטן טיף-אויסדרייסליכן רוף פון די אבות: „שמע ישראל"...

שושנה - ל.

יעדער טאָג נייע גבירים!

יעדער טאָג ברענגט אונז איצט ידיעות וועגן גרויסע געווינסן, וועלכע פאַלן אין דער ציונג פון דער 4-טער קלאַס פון דער 34-טער לאָטעריע. אָט זענען פאָטאָגראַפיעס פון אייניקע פון די גליקלעכע געווינערס.

אָט דער איז אַ אינגעווינער פון פּויזן, דער ה׳ אַלעקסאַנדער **מילער**, אַ באַזיצער פון אַ פערטל לאָס פון נומ. 150.704, אויף וועלכן עס איז געפאַלן 100 טויזנט זלאָטעס. מיטן געווינס וועט ער זיך טיילן מיט אַ גרופּע חברים, וועלכע געהערן צום שותפות.

דער ה׳ סטווערין קאָוואַלסקי פון גדיניאַ האָט איינגעקאַסירט 10 טויזנט זלאָטעס, אַלס באַזיצער פון אַ פערטל פון נומ. 95423, וועלכער האָט געוווּנען 50 טויזנט זל.

איינע פון די טעגלעכע געווינסן 30 טויזנט זל. איז געפאַלן אין סקערנעוויץ אויפן נומ. 2633. אַ העלפט פון דעם אויסגעטרוימטן פאַר זיך נומער האָט געקויפט די פרוי וואַנדאַ אַלישעווסקאַ, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט צושטעלן דאָרפישע פּראָדוקטן די שטאָטישע אָפּנעמער. זי האָט דערהאַלטן 12 טויזנט זל. די ציונג פון מיליאָן וועט פאָרקומען דעם 21 ד. מ. און אין אַ קאָרגן מאָנאַט שפּעטער (דעם 20-טן פעברואַר) וועט זיך אָנהייבן די ציונג פון דער 1-טער קלאַס פון דער 35-טער מלוכה-לאָטעריע. נאָך דער ציונג פון מיליאָן וועט מען שוין קאָנען קויפן לאָזן צו דער 1-טער קלאַס פון דער 35-טער לאָטעריע.

אַ ד י ר ה

פון 2 צימערן, מיט אַ **קיך** און אַ **געזועלב** צו פאַרקויפן אויף בריסקער גאַס.

אינפאָרמאַציעס ערטייל׳ט ה׳ ל. ווייסמאַן

נ ו י ט י ק אַ ד י ר ה

פון 2-3 צימערן מיט אַ קיך

ווענדן זיך אין ביוראָ

פון ה׳ **חיינבערגער פר. פּלאַץ 5**

Proszki od BÓLU GŁOWY KOWALSKINA

FABR. CHEM. FARM. AP. KOWALSKI' WARSZAWA

מ ע ל ד ו נ ג.

אַנאָנסן, גראַטולאַציעס, נעקראָלאָגן נעמט אָן דער „ביאַלער-וואָכנבלאַט" אויך די דרוקעריי „עקספּרעס".

אַלע אָנגעלעגנהייטן פון דער אַדמיניסטראַציע, דערלעדיקט ל. ווייסמאַן.

אַדמיניסטראַציע
„ביאַלער-וואָכנבלאַט".

מעלדונג.

די „תרבות" ביבליאָטעק מעלדעט:

אַלע חובות פון די ג׳ אַבאָנענטן, דאַרפן איינגעצאָלט ווערן ביז דעם 25 יאַנואַר. די וועלכע וועלן נישט איינצאָלן, וועלן קיין ביכער נישט באַקומען. גלייכצייטיק ווערט געמעלדעט, אַז אָנהויבנדיק פון ניי-יאָר דאַרפן אַלע אַבאָנענטן צאָלן זייער חודש-אָפּצאָל ביז דעם 10 יעדן מאָנאַט. פאַר פאַרשפּעטיקונג וועט גענומען ווערן אַ שטראָף.

Kino Dźw. „Tęcza"

פון דאָנערשטאָג דעם 16-טן ביז זונטאָג דעם 19 ד. ח.

ווערט דעמאָנסטרירט דער בארימטער פילם א. ז. :

ייד = זיס

מיט קאָנראַט ווייַדט אין דער הויפּט ראָל.

פון מאָנטאָג :

דער רויטער וואָגן.

שפּאָרזאַמקייט —
דאָס געבאָט פון דער שעה!

באַנוצט זיך אין דער ווירטשאַפט נאָר מיט

קוילן

וואָס מאַכט אייך מיט נאָענט 30 פּראָצענט ביליקער ווי מיט האָלץ.

די בעסטע סאָרטן קוילן צו באַקומען ביי

אַברהם אָרלאַנסקי

Plac Wolności 9,

אין אונזער ביאַלע, און דאָס צווינגט מיך ווידער צו שרייבן.

אַז דער גאַנצער „חכם" ווי ער האָט ... ווערט, האָט זיך אַזוי פאַרגאַלאָפּירט ביים פּאָבליצירן מיטגלידער און פאַרגעסן איינלאָדן די אמת׳ע מיטגלידער, אַז ער האָט אויך פאַרגעסן איינצולאַדן אַזאַ ווינציקן מיטגליד ווי דער מאַגיסטראַט איז. אַ מיטגליד, וועלכער קריגט דעם גמ״ח ביז 400 זל. אַ יאָר און נעמט גאָר נישט קיין גמ״ח דאָרט. מעגלעך, אַז דער פּיפּיצל „חכם" האָט מורא געהאַט, סזאָל אַמאָל דער דעלעגאַט פון מאַגיסטראַט און מעגלעך אויך, אַז דער ה׳ בירגערמייסטער אַליין וואָלט אָנטייל נעמען און אויסהערן די אַלע באַגרינדעטע פּראָטעסטן קעגן אים און פאַר אַזאַ פּריזאָן וואָלטן מען זיך קרעמפּפירט מיט אַזאַ פאַרשלאָג ווי „גילאָטינע" פאַר דער אָפּאָזיציע. נאָך איידער כ׳האָט געעפנט דאָס מויל, איז דער ערשטער פאַרשלאָג געווען, באַגרעניצן די רעדנער און דערפאַר האָט מען נישט געהערט קיין לאָזונג אין מאַגיסטראַט. סיי ווי דער מאַגיסטראַט איז באַליידיקט און גאַנץ מעגלעך, אַז די גמ״ח קאַסע זאָל נישט באַקומען די 400 זל. סובווענציע וואָס זי באַקומט יעדעס יאָר און ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ קאָנסעקווענצן דעם פּרעזעס קאַפּריזן און אַמביציעס וועלן נאָך ברענגען. און באמת זענען די פאַרדינסטן פונם פּרעזעס פאַר׳ן גמ״ח נישט ווייניק. אַז דער גמ״ח זאָל אַפילו דעם מינדעסטן שאָדן ליידן דאַנק אים.

און כאָטש ער איז אַ גרויסער עקשן, פּרוּוו איך נאָכאַמאָל רעדן, אפשר וועט זיך דערוועקן ביי אים דאָס געוויסן און וועט אָפּטרעטן אַ צווייטן די פירונג. און די גמ״ח-קאַסע, וועלכע איז די נויטיקסטע און וויכטיקסטע אינסטיטוציע פאַר אונז וועט נישט צוגרונד גיין, און אַז מ׳דאַרף פּרוּוון נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל, האָב איך גראָד געלערנט פון אַ... גנב אַ גונב דעת הבריות „ראשון שבגנבים גונב דעת הבריות". וויבאַלד כאָל האָט מען שוין אַט דעם גונב-דעת געכאַפּט ביי מיאוסע מעשיות ווי גנבת דעת און ממון, גזל את הרבים וכו׳. און דאָך האָט ער לעצטנס געהאַט בושה מבית ומפחה זיין מיט דער מיטהילף פון צ... פאַר צבועקעס און אַריינצופירן אין טעות די נאַיווע, די תמימים און האָט טאַקע לדאַבוננו געשפּילט. און אַז מ׳קען אויך פון אַזעלכע לערנען און אַרויסנעמען אַ מוסר השכל, דערציילט מען, אַז דער קדושה לוי ז״ל האָט זיך אויך אַמאָל גענומען אַ מוסר השכל פון אַ גנב.

ר׳ לוי יצחק דער באַרדיטשעווער ז״ל האָט געמאַכט אַ נסיעה איבער יידישע שטעט און שטעטלעך, צו קלייבן נדבות פאַר פדיון שבוים. דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל. וואָס ער האָט עס געטון. גאַנץ אָפט. ווען נאָר די סומע איז גרויס געווען און אויפן אָרט האָט מען די נויטיקע סומע נישט געקענט צוזאַמענעמען, האָט זיך דער באַרדיטשעווער אַרויסגעלאָזט „איבער דער וועלט". פדיון שבוים, הכנסת כלה, דאָס זענען געווען מצוות, פון וועלכע דער גרויסער צדיק האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט, אַפילו בטול תורה האָט אין אַזאַ פאַל אים נישט געקענט צוריק האַלטן. אויב יידן האָבן געדאַרפט אויסגעלייזט ווערן פון גויאישע הענט און אויב יידישע טעכטער האָבן געדאַרפט געפירט ווערן צו דער חופּה, האָט ער געדאַרפט זאָרגן פאַר דעם אויב נישט ר׳ לוי יצחק? ער האָט תמיד געהאַט דערפאָלג. ווערט, ווערבן, ר׳ לוי יצחק׳ן האָט מען תמיד געטראָגן די נדבות אַנטקעגן. איינמאָל איז עס אָבער נישט געגאַנגען, צי יידן זענען געווען שטאַרק פאַראָרעמט, אָדער סתם האַרטלייביג, ר׳ לוי יצחק איז שוין דורכגעפאָרן אַ ריי יידישע ישובים און ער האָט נאָך אַלץ אַ נישטיקע סומע. ווייט צו קליין פון דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן. האָט דער צדיק אַזוי געטראַכט: וואָס איז די פּעולה, אויפצופירן אַזוי פיל צייט אויף געדאַנקען, אַז איך קאָן אין דער צייט בעסער זיצן לערנען. פדיון שבוים, הכנסת כלה זענען טאַקע וויכטיק, תלמוד תורה איז דאָך אָבער כנגד כולם!

איז ער צוריק געפאָרן אַ היים זיך געזעצט לערנען, כאָטש האָבנדיק זיך מיאש געווען, אַז אים וועט געלונגען צו מאַכן דאָס געלט וואָס איז נייטיק געווען, דער ווייל האָט אין באַרדיטשעוו פּאַסירט אַזאַ מעשה:

אַ ייד איז געכאַפּט געוואָרן גנבה׳נדיק, און מען איז אים באַפאַלן און מ׳האָט אים געשלאָגן מכות רצח און נאָכדעם אויסגעפירט אין פּאָליציי און איינגעזעצט אין תפיסה. ר׳ לוי יצחק האָט זיך פון דעם דערוויסט און זיין האַרץ האָט דערפילט גרויס רחמנות אויפן יידן. טאַקע — האָט ר׳ לוי יצחק זיך געטראַכט — פון פאַרגעניגן איז דער ייד נישט געגאַנגען גנבה׳נען, מסתמא האָט אים געפעלט אויף ברויט אָדער אַנדער נויטיקע הצטרכות׳ן. זאָל ער נאָר צוריק זיין אויף דער פריי, וועט ער שוין מער נישט גנבה׳נען. ר׳ לוי יצחק האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרנאַכלעסיקן די געלעגנהייט. ביז מאַכן אַ יידן פאַר אַ בעל תשובה. איז ער אוועק אין פּאָליציי און זיך משתדל געווען, אַז מ׳זאָל דעם יידן אַרויסלאָזן פריי. מיט דעם באַזוכטן צדיק אַלס בעל יושר, האָט מען דעם גנב אַרויסגעלאָזט, אָבער גלייך אים אין ר׳ לוי יצחק׳ס הענט. האָט ר׳ לוי יצחק געהאַט אַ שמועס מיטן גנב: אודאי וועט איר ווערן אַ בעל תשובה — איר וועט דאָן נישט ריידן נאָך אַ מאָל. ווען איר ווייסט שוין וואָס עס האָט מיט אייך פּאַסירט דאָס ערשטע מאָל: דער ייד האָט אַ שמייכל געטון. אַז ס׳פאַלט דורך דאָס ערשטע מאָל, דאַרף מען דען נישט פּרוּוון אַ צווייט מאָל — האָט דער ייד אָפּגעענטפערט — אַ צווייט מאָל וועל איך מיר שוין נישט כאַפּן. איך וועל שוין וויסן ווי זיך צו היטן, און דער ייד האָט איבערגעלאָזט ר׳ לוי יצחק און איז אוועק. דער צדיק איז געבליבן ווי געפּלעפט. ער האָט אָקוראַט געמיינט מיט די כלייגעס און גערעדט צו זיך אַליין: אָט דאָס זענען אמת׳ע דבורים. דערמאָנענדיק איינמאָל, פּרוּווט ער אַ צווייט מאָל. און איך, אַז כ׳האָב נישט געקענט באַ׳ם ערשטן מאָל קאָנקורירן דאָס געלט וואָס איך האָב געדאַרפט, האָב איך זיך צוריקגעקערט אַ היים. ניין, נישט דאָס איז דער וועג. מען דאַרף פּרוּוון נאָכאַמאָל. יידן וואַרטן אויף הילף, די הילף מוז מאַר זיי געשאַפן ווערן. און דער באַרדיטשעווער האָט זיך אויף דאָס ניי און מיט מער ענערגיע אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין קלייבן נדבות.

פונם גנב האָט דער באַרדיטשעווער ז״ל אַ סך געלערנט. דערפאַר שרייב איך נאָכאַמאָל וועגן גמ״ח, מ׳דאַרף פּרוּוון דאָס האָב איך געלערנט טאַקע פון אַ... „לוי" נאָר אָן קדושה...

ידידן אורח.

Redaktor-Wydawca: Chaim D. Miodek.

Druk „Express", Biała-Podlaska, Piłsudskiego 6.